**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/22/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט פארענדיגונג פון REDI פראיעקט צו באשיצן היסטארישע פאָרט דע לא פרעזענטעישן פון צוקונפטיגע פלייצונג אינצידענטן**

***REDI אויסגעטיילט פאָרט אַסאָסיעשען 1.3 מיליאן דאלער צו פארבעסערן פלייצונג באפעסטיגונג ביי היסטארישע ארט אין שטאט אגדענסבורג, סט. לאורענס קאונטי***

***נאך באמיאונגען אונטערוועגנס צו באשיצן ברעג-ליניע***

***טייל פון סטעיט׳ס 300 מיליאן דאלערדיגע באפעסטיגונג און עקאנאמישע אנטוויקלונג איניציאטיוו***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן דער פארענדיגונג פון ברעג-ליניע סטאבילידירונג באמיאונגען און טרעיל פארבעסערונגען אלס טייל פון א 13 מיליאן דאלערדיגע באפעסטיגונג פראיעקט אויסגעטיילט צו די פארט דע לא פרעזענטעישען אסאסיעשען, סט. לאורענס קאונטי, דורך דער סטעיט׳ס [באפעסטיגונג און עקאנאמישע אנטוויקלונג איניציאטיוו](). די פאָרט דע לא פרעזענטעישן ארט, וואס געפונט זיך אין דער שטאט אגדענסבורג, איז אמאל געניצט געווארן דורך אמעריקאנע, קאנאדישע, נעיטיוו אמעריקאנע, פראנצויזישע, און בריטישע מענטשן פאר געבעט, האנדל, און באשיצונג אין לויף פון מלחמה צייטן. דער ארט ווערט יעצט געניצט פאר מיליטערישע פארשטעלונגען אלס אנדענקען פאר די קריג פון אגדענסבורג אין לויף פון דער קריג פון 1812 און קאמיוניטי פארוויילונג. דער ארט, וואס געפונט זיך אויף א פענינסולע אויף דער סט. לאורענס טייך ביי דער דורשכנייד-פונקט פון דער אסוועגאטשי טייך, דער ארט האט מיטגעמאכט ברייטע אפשווענקונג און פלייצונגען. די אסאסיעשען, מיט שטיצע פון REDI אינוועסטירונגען, האט איבערגעבויט פלייצוננג געשעדיגטע ברעג-ליניעס און טרעילס מיט מער באפעסטיגטע אויסשטעל פלענער צו לינדערן צוקונפטיגע שאדן און געבן פארשטערקערטער בעלי-חיים-וואוין-ערטער און אין דער זעלבער צייט אנהאלטן דעם ארט׳ס היסטאריש און אעסטעטישע ווערד. נאך ברעג-ליניע און טרעיל ארבעט וועט ווייטער פארזעצן אין פרילינג.

"ווי פילע קאמיוניטיס לענגאויס די בארטנס פון לעיק אנטעריאו און דער סט. לאורענס טייך, די שטאט אגדענסבורג איז נישט קיין פרעמדער צו די חורבנות אנגעברענגט דורך פלייצונגען, און צוליב דעם פירט ניו יארק סטעיט׳ס REDI באמיאונג די וועג מיט היסטארישע אינוועסטירונגען צו העלפן קאמיוניטיס זיך איבערבויען אויף בעסער, קלוגער, און מער באפעסטיגט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דער פאָרט דע לא פרעזענטעישן פראיעקט אין דער שטאט אגדענסבורג וועט העלפן לינדערן פלייצונגען און באקעמפן אפשווענקונג, דורכדעם העלפן אנצוהאלטן דער היסטאריש בריליאנט שטיין פאר צוקונפטיגע דורות און אין דער זעלבער צייט פארבעסערן ארטיגע באשעפענישן וואוינערטער."

צו באשיצן דער פאָרט דע לא פרעזענטעישן פון צוקונפטיגע הויכע וואסער אינצידענטן, האט דער פראיעקט אריינגענומען:

- סטאבילידירן דעם אסוועגאטשי טייך ברעג-ליניע ניצנדיג ריפ-ראפ מיט לעבעדיגע סטעיק פלאנצונגען און טאו וואוד / טאו ראק אינסטאלאציעס;

- סטאביליזירן די סט. לאורענס טייך ברעג-ליניע מיט שטיין סיל סטאביליזירונג מיט ערד ליפטס, נאטורליכע שטיין סלעב שטיגען פאר צוטריט צו דעם טייך, און נעיטיוו פלאנצונגען לענגאויס די ברעג-ליניע; און
- העכערן א טייל פון דער אבּבּע פיקעי טרעיל איבער די פלייצונגען און בויען א נייע באפעסטיגונג איבערבליק דעק פלאטפארמע אויף דער סט. לאורענס טייך ברעג-ליניע צו פארבעסערן באזוכער צוגענגליכקייט.

**סטעיט פארק קאמישענער עריק קולעסייד האט געזאגט,** "איך קאנגראטולירן דער פּאַרט דע לא פרעזענטעישן אסאסיעשען און פאר פארענדיגן דער באגייסטערנדע באפעסטיגונג און היסטארישע אפּהיטונג פראיעקט. ניו יארק סטעיט פארקס פרייט זיך צו ארבעטן מיט דער אסאסיעשען צו מאכן די היסטארישע לענדמארק בעסער צוגעגרייט זיך אנטקעגן שטעלן צוקונפטיגע פלייצונגען, און אין דער זעלבער צייט פארבעסערן די עקספיריענס פאר באזוכער."

**דעפארטמענט אָוו ענווייראנמענטעל קאנסערוועישען קאמישענער און REDI קאמיסיע מיט פארזיצער באסיל סעגאוס האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט׳ס REDI אינוועסטירונגען גיבן פלייצונג אויסשטייענדע ברעג-ליניע קאמיוניטיס ווי דער שטאט אגדענסבורג מיט די מבינות און מיטלען נויטיג אויף צוריק צו בויען אויף בעסער נאך די שווערע שטורעמעס און הויכע וואסערן געטריבן דורך אונזער ענדערנדע קלימאט. סטאביליזירן דער שאָרליין און פארבעסערן די טרעילס ביי דעם פּאָרט דע לא פרעזענטעישן ארט וועט באשיצן דער היסטארישער אוצר פון צוקונפטיגע פלייצונגען און פארזיכערן אז עס זעצט פאר ווייטער צוציען צוקונפטיגע דורות פון באזוכער."

**דארמיטארי אויטאריטעט פון ניו יארק סטעיט פרעזידענט און CEO רובען מעקדעניעל, דריטער, האט געזאגט,** "DASNY שטאלצירט זיך צו שטיצן גאווערנער האקול׳ס בליק פאר באשיצן קאמיוניטיס און העכסט-נייטיגע היסטארישע רעסאָרסן ווי דער פּאָרט דע לא פרעזענטעישן ארט פון באדייטנדע וועטער. דער אינוועסטירונג, און די ארבעט וואס ווערט דא געטוהן, וועט העלפן פרעזערווירן די אייגנארטיגע נאטורליכע, היסטאריש, און קולטורעלע ווערד פאר ניו יארקער און פאר איינוואוינער פון שטאט אגדענסבורג, צו געניסן אויף ביז לאנג אריין אין דער צוקונפט."

**ניו יארק סטעיט פּאַווער אויטאָריטעט צייטווייליגע פרעזידענט און CEO דזשאסטין אי. דריסקאל האט געזאגט,** "די ברעג-ליניע אויפריכטונג און טרעיל פארבעסערונגען ביי פּאָרט דע לא פרעזענטעישן אסאסיעשען זענען א וויכטיגע אינוועסטירונג אין סט. לאורענס קאונטי׳ס טוריזם ווי אויך פאר די וואס וואוינען אין דעם געגנט. מיט׳ן פארענדיגן דעם REDI קאמיסיע פראיעקט, וועלן די פּאָרט דע לא פרעזענטעישן אסאסיעשען שאָרליין און טרעילס זיין שטערקער, זיכערער, און שענער, און האבן בעסערע ווידערשטאנד קעגן פאטענציעלע צוקונפטיגע פלייצונגען. דער פראיעקט צייגט דער REDI קאמיסיע׳ס אנטשלאסנקייט צו אויפריכטן די ברעגעס און ווידער-אויפלעבן נארט קאנטרי קאמיוניטיס."

**סענאטארקע פעטי ריטשי האט געזאגט,** "פּאָרט דע לא פרעזענטעישן איז א וויכטיגער טייל פון אונזער היסטאריע, וועלכס מאכט עס קריטיש-וויכטיג סיי עס צו פרעזערווירן און סיי עס אפצוהיטן. אין לעצטערע יארן האבן מיר געזעהן וואס עס האט אפגעקאסט די רעקארד הויכע וואסער׳ן אויף די פּארט׳ס פראפערטי. דורכאויס דעם פראיעקט פארזיכערן מיר אז עס וועט זיין מער באפעסטיגט אויב שטייט עס אויס צוקונפטיגע פלייצונג, און אין צוגאב, מאכן זיי פארבעסערונגען וואס וועלן ערמעגליכן פאר מענטשן צו בעסער געניסן פון דער היסטארישער ארט פאר פילע דורות אין דעם צוקונפט."

**אסעמבלימאן מארק וואלטשיק האט געזאגט,** "עס דערפרייט מיר צו זעהן די אנגייענדע אינוועסטירונג אין אפהיטן די שאָרליין פון די פראט יאַרד פון אמעריקע — איבערהויפט ביי דער שטאט אגדענסבורג׳ס פּאָרט דע לא פרעזענטעישן אינטערפרעטיוו טרעיל. דער מעיפל סיטי׳ס רייכע היסטאריע פלעכט זיך צוזאם מיט איר נאטורליכע הערליכקייט ביי דעם טרעף-פונקט פון די סט. לאורענס און אסוועגאטשי טייכן ביי דעם אייגנארטיגן פארק וואו באזוכער און ארטיגע איינוואוינער צוגלייך קענען

געניסן פון שפאצירן, לערנען פיקניק׳ן, און אריינגעמען די סצענישע אויסבליק־פונקטן. עס איז וויכטיג צו פארשטערקערן דעם שאָרליין צו פרעזערווירן דעם פארק און איך בין דאנקבאר צו PARKS אויפזיכט אויף דאס זעהן דעם פראיעקט צו פארענדיגונג."

**סט. לאורענס קאונטי פארזיצער וויליאם שערידען האט געזאגט,** "סט. לאורענס קאונטי איז דאנקבאר אז גאווערנער האקול העלפט די קאונטי׳ס שאָרליין קאמיוניטיס מיט א באאיינדרוקספולע באמיאונג צוריק צו בויען אויף בעסער. דורך די אינפראסטרוקטור אינוועסטירונגען העלפט ניו יארק סטעיט צו פארזיכערן אז דער ראיאן׳ס טוריסט אינדוסטריע בלייבט גאנץ. דער פאָרט דע לא פרעזענטעישן היסטארישער ארט איז אן אוצר צווישן קאמיוניטי מיטגלידער פון לענגאויס דעם סטעיט און קאנאדע, און מיר פרייען זיך צו זעהן דעם וויכטיגן פראיעקט פארענדיגט."

**פאָרט דע לא פרעזענטעישן אסאסיעשען פרעזידענט בארבארא אָ׳קיעף האט געזאגט,** "אדאנק די שטיצע פון גאווערנער האקול, די צוזאמענארבעט מיט ניו יארק סטעיט, און דורך די באפעסטיגונג און עקאנאמישע אנטוויקלונג איניציאטיוו, האט דער פאָרט אסאסיעשען געקענט נעמען די נויטיגע מאסנאמען צו סטאביליזירן די סט. לאורענס און אסוועגאטשי טייך שאָרליינס און פארריכטן און פארבעסערן דעם אבּבּעי פיקעי טרעיל, פארזיכערנדיג דערמיט אז פאָרט דע לא פרעזענטעישן בלייבט צוטריטליך צו דעם קאמיוניטי און טוריסטן, ווי אויך אפצוהיטן די פלעצער אויפ׳ן נאציאנאלע רעגיסטער פון היסטארישע ערטער פאר צוקונפטיגע דורות. מיט שטיצע פון דער REDI טיעם, און מיט די אנווייז פון NYS OPRHP, האבן מיר געקענט פארענדיגן דעם פראיעקט פאראויס פון סקעדזשול, און מיר זענען באגייסטערט מיטצוטיילן די ארט אפגרעידס מיט׳ן פובליק."

אין אפרוף צו די כסדר׳דיגע פארפלייצונגען לענגאויס די ברעגן פון לעיק אנטעריאו און דער סט. לאורענס טייך האט ניו יארק סטעיט געשאפן REDI צו העכערן די פעסטקייט פון שאָרליין קאמיוניטיס און אונטערהייבן עקאנאמישע אנטוויקלונג אין דעם ראיאן. פינף REDI ראיאנישע פלאנירונג קאמיטעס, צוזאמגעשטעלט פון פארשטייער פון אכט קאונטיס (ניאגארא און ארליענס, מאנראו, וועין, קאיוגע און אסוועגא, און דזשעפערסאן און סט. לאורענס) זענען אוועקגעשטעלט געווארן צו אידענטיפיצירן ארטיגע פריאריטעטן, ריזיקירטע אינפראסטרוקטור און אנדערע פארמעגנס, און פובליק סעיפטי זארגן. דער REDI קאמישען האט אלאקירט 20 מיליאן דאלער פאר האומאונער הילף, 30 מיליאן דאלער צו פארבעסערן די פעסטיגקייט פון ביזנעסער, און 15 מיליאן דאלער פאר א ראיאנישע דרעדזשינג אונטערנעמונג וואס וועט בענעפיטן יעדע פון די אכט קאונטיס אין די REDI ראיאנען. די רעשט 235 מיליאן דאלער איז אלאקירט געווארן פאר לאקאלע און ראיאנישע פראיעקטן וועלכע אוואנסירן און שטעלן א ביישפיל פאר דעם REDI מיסיע.

זינט דאס שאפן פון דעם סטעיט׳ס REDI פראגראם אין פרילינג 2019 זענען 134 REDI-פינאנצירטע לאקאלע און ראיאנישע פראיעקטן אונטערוועגנס, אריינגערעכנט 85 פראיעקטן אין דעם פלאנירונג פאזע, 21 פראיעקטן אין דער קאנסטרוקציע פאזע, און 28 פראיעקט שוין פערטיג.

פאר מער אינפארמאציע, פראיעקט פראפיילס, און REDI נייעס, דרוקט דא.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן